בעזהי"ת


**שלום יהודה גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין"

ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי",

ברוקלין, נוא יארק

**RABBI SHOLOM J. GROSS**

4711 — 12th Avenue

Brooklyn, N. Y. 11219

Tel. 436-8086


בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל
נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י,
ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.

בעמח"ס נ"י ע"ז מ"א ה"ח, **חזון ישעי'** על הלכות שחיטה (ב"ח), **אמרי שלום** על הל' טריפות,
**דברי יהודה** על הל' ניקור, **מנחת יהודה** על חומר איסור חלב עכו"ם, **מדריך לצניעות** על עניני
צניעות, **חינוך ישראל סבא** על עניני חינוך.

יום ג' שנכפל בו כי טוב
לס' וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך
תשמ"א לפ"ק

צו אונזערע חשובע ברידער הי"ו.

מיר קומען צו אייך מיט א ביטע.

ביגעלייגט וועט איהר טרעפען דעם "אנציקלופדיה אויף כשרות" (צווייטער חלק) וועגען "חלב עכו"ם און קינדער פארמולאס" דער ספר איז געווידמעט אויף די הארבקייט פון ניצען "חלב עכו"ם" און "סימילאק", ווי אויך וועגען די געוואלדיגע מכשולות וועלכע קומען פאר היינטיגע צייטען ביי די פארשידענע השגחות אויף וועלכע דער עולם פארלאזט זיך, און וואס בעוה"ר איז אנטוויקעלט געווארען אין א מצב פון "אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברתא", לידער, ר"ל, צוליב דעם וואס מען איז נישט נזהר אין די ענינים פון כשרות האבען זיך אויף אונז לעצטענס א גאס געטוהן פיהלע אומגליקען ל"ע, הן ביי ערוואקסענע, הן ביי קליינע קינדער. יעדער ועהט בחוש די השגחה עליונה וועלכע פירט די וועלט מיט גערעכטיקייט; מען זעהט באשאנפערליך אז די וועלט איז נישט הפקר, אלעס ווערט געפירט פון הימעל מיט א פינקטליכען חשבון: די חז"ל זענען מעיד אז די אומגליקן פון קליינע קינדער ל"ע איז נישט מחמת זייערע אייגענע זינד נור בעון הדור (פון די זינד פון ערוואקסענע).

דעריבער, כל אחד יחוש לנפשו זיך צו בארעכענען באצייטענס תשובה צו טוהען. תשובה, לויט ווי דער רמב"ם שרייבט (הלכות תשובה) באדייט א פעסטען באשלוס אויף זיך אויפצופיהרען אין דער צוקומפט אופן אידישען וועג, אזוי ווי מיר האבען מקבל געווען דור אחר דור, פון מתן תורה. דאס מיינט אכטונג געבען אויף די קינדער מיטן גרעסטען מעגליכקייט וואס זיי נעמען אריין אין מויל, אדער דאס וואס מען גיט פאר די קינדער צו עסען זאל זיין הונדערט פראצענט כשר אן קיין שום ספיקות אדער חששות. טאקע דערפאר האבען מיר געפונען פאר נויטיג צו דרוקען דעם ספר, אז עס זאל דינען אלס ליכט צו באלייכטען דעם וועג ווי אזוי צוצוקומען צו די אויבענדערמאנטע זאכען. מיר האפען, אז מיט השי"ת'ס הילף, וועט דער קונטרס האבען דעם ריכטיגען ערפאלג, און זיין א גרויס געהילף סיי פאר די וואס זענען נאכגעלאזט אין די אויבענדערמאנטע פרטים, סיי פאר די וואס זענען נכשל געווארען מחמת חסרון ידיעה.

אין דעם זכות וועט השי"ת העלפען אז קיין שום אידיש קינד וועט נישט וויסען פון קיין שום צער וצרות, נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, און מיר וועלען אלע אין גיכען אויסגעלייזט ווערען. אמן.

זעלבסט-פארשטענדליך, צוזאמען שטעלען אזא קונטרס האט געפאדערט פיהל מיה און ענערגיע, און חוץ דעם זענען געוואלדיג די הוצאות הדפוס, וואס ווי באקאנט פאר יעדען זענען די פרייזען פון זעצען, דרוקען, ביינדען, און פאסט שפעזען, די לעצטע פאר יאר געשטיגען מעהר ווי דאפעלט. דאס איז ווייט איבער אונזערע מעגליכקייט צו דעקען.

דעריבער בעטען מיר אייך זיך אנצושטרענגען און אונז צוהעלפען איבערן יכלות. דאס וועט ערמעגליכען אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט, וואס האט שוין אין די פארגאנגעהייט אפגעראטעוועט טויזנטער אידען פון מאכלות אסורות, און האט אריינגעברענגט וואכזאמקייט אין דעם ברייטען חרידישען ציבור אינעם פעלד פון כשרות.

אין זכות פון אייער מיט הילף וועט אייך השי"ת העלפען מיט בני סמיכי, חיי אריכא, ומזוני רויחא, בסייעתא דשמיא, אידיש נחת, ברכה און הצלחה אין אלע אינזיכטען, און מיר וועלען בקרוב זוכה זיין פטור צו ווערען פון אלע צרות און עול גליות, און זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו בב"א.

ה"ק שלום יודא גראס

נ.ב. די עלטערן וועלכע האבען געפיטערט די קינדער מיט "סימילאק" אדער אנדערע "חלב עכו"ם" נישט וויסענדיג די הארבקייט דערפון, ווערט געברענגט אין קונטרס בשם די ספרים הקדושים אז דער תיקון אויף דעם איז צו זעהן אז אנדערע זאלען דאס נישט טוהען. צו דעם קענט איהר יעצט צוקומען מיט דעם וואס איהר שטיצט אונזער ארבעט, וואס דארף דינען מיט השי"ת'ס הילף דעם צוועק.

מיר האפען בקרוב ארויס צוקומען מיט די אנצליקאפעדיע'ס אויף כשרות בערך אין 10 חלקים.

די ערשטע חלק וועט זיין אנצליקאפעדיה אויף כשרות חלב עכו"ם חלק א' און איז געווידמעט אויפצווייזען מיט דאקאמענטען פון די רעגירונג אז אין חלב עכו"ם, און חמאת עכו"ם, גבינות עכו"ם, קומט אריין חלב חזירים חלב חמורים, און עס איז געזעצליך בארעכטיט פון די גאווערמענט.

דאס ספר איז שוין נאנט צום דרוק נאר מיר ווארטען אויף נאך עטליכע דאקאמענטען. אגב האבען מיר זיך דערוויסט פון די העכערע רעגירונג אינסטאנצען אז די סארט געזעץ אז מען טאר נישט מישען חלב טמא מיט קיעהן מילך איז קיינמאל אין אמעריקא נישט געווען אויך וועט בקרוב איה"ש ארויסקומען אנצליקאפעדיה אויף כשרות דיני דגים.

הנ"ל

מחיר הספר הוא לכה"פ $3.95 וכל המוסיף מוסיפין לו מן השמים.